# צו די לעזער.

פּרוּבּירענדיג די שטאָף פון'ם בינשטאָק אויף'ן טעם, דורך לעקען,
(וואקס און האָניג אויסגעמישט צוזאמען)
פלעגט דער אור־מענש דאָס ארויסשפּייען, פערדאמען,
דער מאכל פלעגט איהם ווייניג וואָס גאר שמעקען ;
ער פלעגט די ביענען שארף און ביטער קריטיקירען,
הלמאי זיי וואגען גאר אזא מין שטאָף צו פּראָדוצירען.

מיט יאָהרען שפּעטער האָט דער מענש ענטדעקט,
אז דער האָניג, ווען מען טהיילט איהם אָפּ בעזונדער,
האָט א גוטען טעם גאר וואונדער איבער וואונדער,
און אָנגעפאנגען האָט מען אויף די ביענען קוקען מיט רעספּעקט.
צוליעב דעם האָניג האָט מען זיי פערגעבען און פערגעסען
דעם חטא, וואָס מעהר ווי העלפט — די וואקס — איז ניט צום עסען.

אויב איהר קענט נור עטוואס גוטעס אין א בוך געפינען,
דאן פערגעסט ניט, פריינדע, די געשיכטע מיט די ביענען . . .